ו. וי"ל בזה: ע"ד ווי מ'מוז דאך זאגן בכלל, אז א קטן (ועד"ז ויתרה מזה [27] — איינער וואס גרייט זיך [28] מגייר זיין) איז מחוייב צו לערנען די הלכות המצוות (תפלין, ק"ש וכיו"ב, וועלכע ער וועט מוזן מקיים זיין תיכף ווי ער ווערט א גדול) נאך איידער ער ווערט א גדול — ווארום אויב ער וועט עס אפלייגן ביז ער וועט ווערן א בן י"ג שנה ויום אחד, וועט ער דאן ניט וויסן ווי צו מקיים זיין די מצוות; ד. ה. עס איז דא אויף אים א חיוב זייענדיק א קטן זיך צוגרייטן אויף צו קענען מקיים זיין זיינע חיובים ווען ער וועט ווערן א גדול [29] — ע"ד מכשירי מצוה [30] —

עד"ז י"ל בנדו"ד: עס איז דא א חיוב אויפן קטן צו לייענען די מגילה ביום י"ד

— מ'קאן דאך ניט זאגן (לא אשתמיט בשום מקום לומר אזא דבר תמוה) אז קטן הנ"ל איז די יארן לפני זה מחוייב במגילה (בתורת חינוך) און די יארן לאחרי זה מחויב — און דעם יאר בנתיים איז ער פטור! — ס'שווער צו זאגן אז ער איז מחוייב בתורת חינוך — חאטש אז בשנים הקרובות וועט ער לייענען בט"ו — מצד דעם וואס יארן שפעטער וועט זיין אזא קביעות!

ומסתבר לומר — אז דאס איז א חיוב כדי צו יוצא זיין דעם חיוב וואס וועט אויף אים חל זיין אלס גדול ביום ט"ו. ד. ה. אז זיין לייענען די מגילה אלס קטן איז ניט (נאר) אלס חינוך, נאר די תקנת חכמים איז לכתחילה חל אויפן קטן אלס הכשר צו זיין חיוב אלס גדול [31].

ועד"ז איז אויך בעניננו: אפילו אויב מ'וועט אננעמען אז תענית בכורות ביום ה' איז תשלומין ליום השבת — יש מקום לומר, אז א קטן שהגדיל ביום י"ד ניסן זאל זיין מחוייב צו פאסטן ביום ה' [32] (י"ב ניסן) אלס הכשר צו זיין חיוב וואס וועט אויף אים חל זיין אלס גדול (ביום י"ד).

(משיחת י"א ניסן תשל"ד)

---

27) שהרי עכו"ם אסור ללמוד תורה.

28) ראה חדא"ג מהרש"א שבת לא, א ד"ה א"ל. שו"ת רעק"א סמ"א. שד"ח כללים ג, סקנ"ה (כו). שם פאת השדה ג' סוסק"ה.

29) ראה גם לקו"ש ח"ז ע' 240.

30) להעיר מדעת ר"א (שבת רפי"ט. ובכ"מ) דגם מכשירי מצוה דוחים את השבת.

31) וכיון דמלכתחילה בעת ציווי מקרא מגילה (דמד"ס הוא) תקנו כן — אולי י"ל דיכול להוציא את הגדול אף שהוא עדיין בקטנותו.

32) ולפי"ז אביו א"צ להתענות במקומו.



# חג הפסח

א. דער יום־טוב פסח ווערט אנגערופן מיט דריי נעמען (תוארים): א) אין תורה שבכתב [1] ווערט ער אנגערופן „חג המצות"; ב) אין נוסח התפלה האט מען קובע געווען צוצוגעבן „(חג המצות הזה..) זמן חרותנו"; ג) אין לשון רז"ל (און אזוי אויך אין לשון בני אדם) ווערן (אויך) אלע זיבן (אכט) טעג [2] אנגערופן מיטן נאמען „חג פסח".

וי"ל אז דער יום־טוב האט א נקודה כללית און תוכן עיקרי — און די נקודה אנטהאלט דריי ענינים, וועלכע ווערן אויסגעדריקט אין די דריי דערמאנטע נעמען;

און וויבאלד אז סדר אין תורה איז אויך תורה — א הוראה [3], קומט אויס, אז די דריי נעמען (און זייערע ענינים והוראות) קומען לויטן סדר פון זייער חשיבות:

צום ערשטן קומט דער ענין פון „חג המצות" וואס איז דער נאמען פון תורה שבכתב; דערנאך קומט דער ענין פון „זמן חרותנו" וואס איז מטבע שטבעו חכמים — אנשי כנסת הגדולה[3*] — צו זאגן עס בתפלה; און דערנאך — „חג הפסח", וואס איז אן אנגענומענער נאמען אין לשון רז"ל (און לשון בני אדם [4]).

ב. דער זמן פון יציאת מצרים איז — כמבואר בנבואת יחזקאל [5] — לידת עם ישראל. דער טעם וואס מ'איז עס מתאר מיטן לשון „לידה", איז ניט נאר ווייל דעמאלט איז געווען די צייט ווען אידן זיינען געווארן א פאלק — וואס דאס פאסט צו זאגן, להבדיל, אויך בנוגע אנדערע פעלקער — נאר ווייל ווערנדיק א פאלק זיינען אידן [5*] דורכדעם פארוואנדלט געווארן אין א „מציאות חדשה" [6]:

דער תכלית און כוונה (און שלימות [7]) פון יציאת מצרים איז מתן תורה, כמש"נ [8] „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה"

[וואס דאס איז איינער פון די ביאורים פארוואס חג השבועות — „זמן מתן תורתנו" [9] — ווערט באשטימט דורך (ציילן שבע שבתות פון מחרת ה)פסח, להורות אז שבועות (מתן תורה) איז א

---

1) משפטים כג, טו. תשא לד, יח. אמור כג, ו. ראה טז, טז.

2) ולא רק יום י"ד וט"ו ניסן שנק' „פסח" גם בתושב"כ (ראה השקו"ט כו' — בס' המועדים בהלכה (לרש"י זוין) ע' רטו ואילך. וראה הערה במכתב כללי לחגה"פ תשל"ו בתחילתו (נדפס — בהגש"פ (קה"ת, תשל"ט) ע' תפד)).

3) דתורה מלשון הוראה (זח"ג נג, ב. ועוד).

3*) ברכות לג, א.

4) ראה קדושת לוי פ' בא בנוגע להשמות חהמ"צ וחה"פ.

5) קאפיטל טז ובמפרשים שם.

5*) שהיו כבר במציאות של „גוי גדול עצום ורב" (תבוא כו, ה).

6) וכן — ביצ"מ היתה התחלת הגירות דבנ"י ובמ"ת גמר הגירות (יבמות מו, א ואילך. כריתות ט, א), אשר „גר שנתגייר כקטן שנולד דמי" (יבמות כב, א. וש"נ).

7) שאז בטל המיצר (ההגבלה) שתחתונים לא יעלו למעלה (תנחומא וארא טו. שמו"ר פי"ב, ג).

8) שמות ג, יב.

9) שזהו תוכן העיקרי דחגה"ש — ראה לקו"ש ח"ח ע' 21, עיי"ש.

המשך [10] פון יציאת מצרים, לידת עם ישראל].

ד. ה. לידת עם ישראל איז פארבונדן מיט דעם וואס זיי ווערן א תורה־פאלק [11] — דער גאנצער מהות פון אידן (אויך אלס א יחיד [12]) איז תורה.

[און די מציאות חדשה איז ניט נאר דערפאר וואס אין גלות מצרים זיינען אידן געווען אין א שפל המצב ביותר און זיינען במילא מצד עצמם ניט געווען קיין כלים אויפצונעמען תורה — ואדרבה: זייענדיק אין מ"ט שערי טומאה [13] איז זייער מצב געווען בניגוד צו תורה (וקדושה);

נאר בעיקר מצד דעם וואס תורה איז אצלו אמון גו' שעשועים [14], חמדה גנוזה שגנוזה לך [15] — זי איז אינגאנצן העכער פון נבראים, און דעריבער איז עס ביי אידן (ווי זיי זיינען למטה, און דערצו נאך — אין מצרים) געווען א דבר חדש לגמרי, עס איז ניט אין זייער גדר].

דערמיט ווערן מוסבר די דריי נעמען „חג המצות", „זמן חרותנו" און „חג הפסח" — זיי דריקן אויס די דריי תנועות (און אין דעם סדר דוקא) וואס פאדערן זיך כדי אויפצוטאן א מציאות חדשה.

ג. ווערט מען דאס פארשטיין דורך דער דוגמא פון דעם סדר ווי א רב לערנט מיט א תלמיד א דבר שכל צו וועלכן דער תלמיד אליין, מיט זיין אייגענעם שכל, קען ניט צוקומען, עס איז ביי אים א דבר חדש [16] (ניט ווייל ער האט עס ביז אהער ניט געהערט, נאר ווייל עס איז העכער פון גדר השכל של התלמיד):

די ערשטע זאך מאנט זיך ביים תלמיד א תנועה פון ביטול, כמאמר חז"ל [17] אז ביי א „ת"ח שיושב לפני רבו" דארף זיין „שפתותיו נוטפות מר" („מרירות מחמת אימה" [18]),

[ווארום מיט זיינע כוחות און שכל קען ער ניט אויפנעמען דעם שכל חדש ווייל ער איז העכער פון זיין מציאות; דוקא ביטול — ניט־מציאות — איז א „כלי" אויף דעם [19]; ועי"ד לשון חז"ל [20]: כלי ריקן מחזיק].

דערנאך אבער מוז זיך דער תלמיד משתדל זיין צו באנעמען די סברא, וואס אויף דעם מוז ער נוצן זיין שכל ( — זיין „מציאות")

[צוזאמען דערמיט וואס דוקא „כלי ריקן מחזיק" — מוז עס אבער זיין א „כלי", און א כלי שלם (ניטא קיין נקב המבטל עניינה [21]); און דעריבער איז ניט

---

10) להעיר משהש"ר (פ"ז, ב (ב)), דשבועות נק' „עצרת של פסח".

11) כמאמר הרס"ג: אומתנו איננה אומה כי אם בתורותי' (ס' האמונות והדעות מ"ג פ"ז).

12) להעיר ממרז"ל (סנהדרין יט, ב. פרש"י במדבר ג, א) דכל המלמד (את) בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו. וראה לקו"ש חט"ו ע' 180. ובארוכה — שיחת ש"פ במדבר תשכ"ח.

13) זח"ר ר"פ יתרו.

14) משלי ח, ל. וראה אגה"ק ד"ה דוד זמירות. לקו"ת במדבר ד"ה ואהי' אצלו אמון. סהמ"צ להצ"צ מצות משא הארון בכתף. המשך תער"ב פ' קפג. ובכ"מ.

15) שבת פח, ב.

16) ראה סה"מ עת"ר ע' ג'. המשך תער"ב פרק קפח. ועוד.

17) שבת ל, ב. פסחים קיז, א. וראה אוה"ת מסעי ע' אתב. ועוד.

18) פרש"י שבת שם ד"ה נוטפות.

19) ראה המשך תער"ב פקל"ט ופקצ"ט (ושם, שע"י הביטול מקבל עצם השכל, ע"ש).

20) ברכות מ, א. וראה ד"ה היושבת בגנים השי"ת פי"ו (וש"נ).

21) כלים פי"ג.



גענוג די תנועה פון ביטול, נאר עס דארף זיין די צוגעטראגנקייט צו קבלת שכל, א כלי המקבל ומחזיק].

דער תכלית פון דעם לימוד איז, אז סו"ס זאל דער תלמיד זיין „קאי (איניש) אדעתי' דרבי'" [22]; און דעריבער, כאטש אז אין זיין איצטיקן מצב איז ער נאך ניט בגדר צו פארשטיין „דעתי' דרבי'" [23]

— וואס דעריבער מוז דער רב משפיע זיין דעם תלמיד א שכל מצומצם וואס איז בערך צום שכל התלמיד (און דער עומק השכל, ווי ער איז ביים רב, איז בהעלם אינעם שכל מצומצם) [24] —

דארף אבער ביים תלמיד זיין די תנועה צו ארויסגיין פון דער מדידה והגבלה פון זיין שכל, און אויפהויבן זיין שכל צום שכל הרב: און דוקא דורכ־דעם קען ער סו"ס צוקומען צו זיין „קאי . . אדעתי' דרבי'" (וואס איז אינגאנצן א העכערער סוג שכל).

ד. אויף דעם סדר הנ"ל [אז פריער קומט דער „שפתותיו נוטפות מר" (ביטול) און דערנאך די תנועה צו זיין א כלי (מציאות)] קען מען לכאורה פרעגן:

די גמרא [25] זאגט אז „רבה [26] מקמי דפתח להו לרבנן אמר מילתא דבדיחותא ובדחי רבנן לסוף יתיב באימתא ופתח בשמעתא" — וואס פון דעם זעט מען, אז פריער דארף אויפגע־טאן ווערן דער „נפתח לבם" [27] (זיין א כלי הראוי אויף צו קענען פארשטיין די „שמעתא") און ערשט דערנאך „יתיב באימתא" (יראה וביטול)?

איז דער ביאור אין דעם: דער עניין פון „מילתא דבדיחותא" וואס דארף זיין „מקמי דפתח להו לרבנן" איז נאר א הכנה כללית צום כללות הלימוד; דאס איז אבער ניט א טייל פון דעם לימוד, פון דעם סדר ההשפעה גופא.

אין אנדערע ווערטער: דאס וואס די „מילתא דבדיחותא" דארף אויפטאן אינעם תלמיד איז ניט צו מאכן אים ראוי צו אויפנעמען דעם שכל, נאר צו פועל זיין אז ער זאל בכלל וועלן זיין א מקבל, — אז זיין שכל בכלל זאל שטיין אין א תנועה פון „קבלה" [28];

אבער דער יחס ושייכות (הערך) צווישן דעם רב און תלמיד, וואס איז פארבונדן מיט דער השפעת השכל צום תלמיד, שאפט זיך ערשט ווען „יתיב באימתא [29] (ופתח בשמעתא)".

ה. לויט דעם ביאור וועט אויך זיין פארשטאנדיק דער סדר אין דעם מאמר חז"ל [30] „לעולם תהא שמאל דוחה וימין מקרבת" — וואס פון דעם סדר הלשון [31] איז משמע, אז לעולם דארף פריער זיין „שמאל דוחה" און דערנאך „ימין מקרבת".

[און די הדגשה אין דעם מאמר איז נאר אז דער „דוחה" דארף געטאן ווערן

---

22) ע"ז ה, ב.

23) רק לאחרי „ארבעין שנין" — ע"ז שם.

24) ראה בארוכה ד"ה וידעת תרנ"ז. ובכ"מ.

25) שבת ופסחים שם.

26) בתניא פ"ז — „רבא". והוא ע"פ גירסת היל"ש מ"ב רמז רכו. ר"ח פסחים שם (וראה דק"ס שבת ופסחים שם). נת' בשיחת יוד שבט תשכ"ד.

27) פרש"י שבת שם ד"ה ובדחי.

28) עייג"כ ד"ה לכה דודי תרפ"ט פ"ב (סה"מ קונטרסים ח"א כ, ב).

29) להעיר ג"כ מהמשך תער"ב ח"ב ע' תתפו, דגם התשוקה לשמוע את שכל הרב מבלבלת מקבלת השכל (כי צ"ל כלי ריקן לגמרי, ביטול מכל וכל).

30) סוטה מז, א. סנהדרין קז, ב. הובא להלכה — הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד סי"ז.

31) וכ"ה סדרם בכתוב — שה"ש ב, ו. יל"ש עה"פ.

מיטן „שמאל" — יד כהה, און „מקרבת" מיטן „ימין" [32] —

קען מען דערויף אויך פרעגן, בדלקמן: ווי שטימט דער סדר מיטן מאמר הנ"ל, אז „מקמי דפתח להו כו' אמר מילתא דבדיחותא (א תנועה פון „מקרבת") .. לסוף יתיב באימתא (א תנועה הפכית) כו'" ?

אויך: עס איז א כלל [33] אז ימין קודמת לשמאל און דא איז שמאל פריער פאַרן ימין ?

די קשיא איז נאָך שטאַרקער [34]: נאָכן מאמר „לעולם תהא כו'" ווערט געברענגט „יצר תינוק ואשה תהא שמאל דוחה וימין מקרבת" — און דער סדר ביי א „תינוק" איז, אז מ'דאַרף אים מזרז זיין צום לערנען „בדברים שהם אהובים אצלו לקטנות שניו .. קרא ואתן לך אגוזים וכו'" (ווי דער רמב"ם איז מאריך אין דעם בפירוש המשניות [35]),

וואָס פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אז ביי א תינוק דאַרף קומען דער „ימין מקרבת" פאַרן „שמאל דוחה" [און ווי מ'זעט עס במוחש — אז אויב מ'זאָל צו־גיין צום תינוק פריער מיטן „שמאל דוחה" קען עס אים איינגאַנצן אָוועק־שטופּן פון לערנען].

ועפ"ז הנ"ל (סעיף ד') איז עס מובן [36]: אין דעם מאמר „לעולם תהא כו'" רעדט זיך נאָר וועגן דעם ווי עס דאַרף זיין דער סדר אינעם אויפטאָן בפועל אויפן זולת [און אין דעם איז דער סדר, אז פריער קומט „שמאל דוחה" און דער־נאָך „ימין מקרבת" [37] (כנ"ל סעיף ג־ד)]:

עס רעדט זיך אָבער דאָ ניט וועגן די פעולות (פון „ימין מקרבת") וואָס קומען אלס הכנה מוכרחת און הקדמה קודם פון דער השפעה [38] — אַזוי ווי אמירת מילתא דבדיחותא פאַר תלמידים, אָדער צוציען דעם תלמיד קטן מיט „דברים שהם אהובים אצלו".

ו. כשם ווי עס פאָדערן זיך די דריי תנועות ביים לערנען א שכל חדש (כנ"ל סעיף ג') — אַזוי איז עס אויך, ובמכ"ש וק"ו, ווען עס רעדט זיך וועגן ענדערן די גאַנצע מציאות פון א מענטשן ביז צו מאַכן פון אים א „מציאות חדשה".

32) ראה עיון יעקב לע"י סוטה שם.

33) שו"ע אדה"ז או"ח סי' ב' סעיף ד'.

34) כי במאמר הנ"ל אפשר לתרץ, דזה שהקדים „שמאל דוחה" ל„ימין מקרבת" הוא (לא מפני שכן צ"ל הסדר בכלל, כ"א) מפני שקאי שם באלישע וגחזי, לאחרי שגחזי כבר הי' תלמיד אלישע (ועד כ"כ ששלח אותו עם משענתו להחיות בן השונמית (מ"ב ד, כט ואילך)) — וא"כ כבר הי' ה„ימין מקרבת" לפנ"ז *.

[ועפ"ז י"ל דב' הדגשות ישנן במאמר הנ"ל: א) שדחי' צ"ל רק בשמאל וקירוב בימין, כנ"ל בפנים. ב) גם אם כבר קיים „ימין מקרבת" ולא הועיל ככל הדרוש ולכן צ"ל הנהגה ד„שמאל דוחה" — הנה לאחרי ה„שמאל דוחה" צ"ל עוה"פ „ימין מקרבת"].

אבל [נוסף ע"ז, שמסתימת הלשון „לעולם תהא שמאל דוחה וימין מקרבת" משמע, ש„לעולם" כן צ"ל סדרם (ובפרט, שבזהר (ח"ג קעז, ב) הובא מאמר זה סתם („שמאל תהא דוחה וימין מקרבת" — לא בשייכות לסיפור דאלישע)) — הרי] ב„יצר תינוק כו'" עכצ"ל כבפנים.

*) ועד"ז בסיפור דר' יהושע בן פרחי' עם כו' (שנשמט ע"י הצענזור בש"ס שם). עיי"ש הסיפור עם האכסניא.

35) סנהדרין פ' חלק ד"ה והכת החמשית.

36) ראה גם לקו"ש ח"ה ע' 359.

37) ועד"ז במאמר „יצר תינוק ואשה כו'". ועיין רמב"ם הל' תשובה (פ"י ה"א. ועיי"ש ה"ה), שהעובד כדי לקבל שכר כו' נק' „עובד מיראה", ו„על דרך זה" עובדים „עמי הארץ והנשים והקטנים שמחנכין אותן לעבוד מיראה („שמאל") עד שתרבה דעתן ויעבדו מאהבה („ימין")".

38) להעיר ד„בריתו של עולם" היא בסדר ד„ברישא חשוכא והדר נהורא", בתחילה „צמצום" („שמאל") ואח"כ „אור" („ימין") — שבת עז, ב. סידור רעט, סע"ב. ובכ"מ — אבל זהו בנוגע לסדר הבריאה בפועל, אבל סיבת הבריאה היא מפני „כי חפץ חסד הוא" (ימין מקרבת). וראה ס' הערכים־חב"ד כרך ב' ע' אור־ביחס לחושך סעיף ב־ה, וש"נ.



און אַזוי איז עס אויך בעניננו בנוגע צו אידן, אַז זייער „לידה" אלס עם ישראל — וואָס דער גמר ושלימות פון דעם איז ווען „תעבדון את האלקים על ההר הזה" (כנ"ל סעיף ב') — איז פאַר־בונדן מיט די דריי ענינים:

א) אַז אידן זאָלן קענען נעמען תורה דאַרף ביי זיי זיין „תעבדון" — אַן עבודה ויגיעה אויף צו מבטל זיין זייער פריער־דיקן „ציור" (וואָס איז מנגד צו תורה); און „תעבדון" — ווי עבודת עבד, וואָס טוט זיין אַרבעט מיט ביטול וקבלת עול [39].

ווייל בכדי צו נעמען תורת ה' דאַרף זיין „נעשה ונשמע" [40], הקדמת [41] נעשה לנשמע.

ב) לאידך גיסא, איז דער „תעבדון" ניט אין אַן אופן וואָס ברעכט די מציאות פון א אידן, נאָר אדרבה: דאָס גופא איז דער עצם פון זיין מציאות [41*], ועד"ז דגים וואָס רשב"ג זאָגט אַז זיי זיינען ניט חוצץ [42]; וואָס אידן און תורה — זיינען ווי דגים וים [43].

און ווי חז"ל [44] זאָגן „אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה" [דלכאורה: תורה איז דאָך אַן ענין פון „תעבדון", פון עבדות ?] — ווייל די אמת'ע טבע הבריאה פון א אידן איז צו טאָן תומ"צ, וכמאמר המשנה [45]: אני נבראתי לשמש את קוני. און דעריבער: ווען א איד איז ניט מקיים תומ"צ ר"ל, איז כאָטש אַז אים זעט אויס אַז ער איז „פריי" אַן א יאָך, און אַז ס'איז אים אַזוי גרינגער ווי ווען ער וואָלט יאָ מקיים געווען תומ"צ — וויבאַלד אָבער אַז דאָס (פירן א לעבן ניט ע"פ תורה ח"ו) איז היפך ווי עס פאָדערט זיין אמת'ער מהות וטבע, איז עס אַן ענין פון „עבודת פרך"

[ע"ד מאמר חז"ל [46] אַז עבודת פרך [47] מיינט „(מלאכת אנשים לנשים ו)מלאכת נשים לאנשים" — כאָטש די מלאכה איז לכאורה א גרינגערע, איז עס ביי אנשים אַן „עבודת פרך", דערפאַר וואָס ס'איז ניט לויט זייער רגילות וטבע];

דוקא ווען עס איז דאָ דער „תעבדון", איז ער אַן אמת'ער בן חורין.

ג) דורך מתן תורה האָט זיך אויפגע־טאָן א שינוי שלא בערך אין אידן, ביז אַז אויך דער „תעבדון" פון א אידן — וואָס איז לכאורה אַן עבודה במדידה והגבלה (לויט די הגבלות פון זיין מציאות) — איז בפנימיותו אַן עבודה וואָס איז (פאַר־בונדן מיטן נותן התורה [48], ובמילא) העכער פון מדידה והגבלה.

39) להעיר דבמ"ת „וינועו" — „באימה וביראה וברתת ובזיע" (יתרו כ, טו. ברכות כב, א ובפרש"י שם).

40) משפטים כד, ז (ושם, ג (ויתרו יט, כ): נעשה).

41) שבת פח, סע"א ואילך.

41*) וראה לקו"ש ח"ה ע' 246 (ועוד) שמכיון שקב"ע היא מציאות האמיתית של ישראל לכן יש לו חיות ותענוג בעבודה זו.

42) משנה מקואות פ"ז, מ"ז. אלא שאין הלכה כמותו — נת' בד"ה וראיתי אני, תרס"ב. — אבל הרי פסקינן כוותי' בהא דזבחים (כב, א). וכבר שקו"ט בזה בתויי"ט מקואות שם. והאריך בזה בס' גולות עליות שם. חיבור לטהרה הל' מקואות כלל ב' בסופו (לפענ"ד בשנויא דחיקא). ועוד, ואכ"מ.

43) ברכות סא, ב.

44) אבות פ"ו מ"ב.

45) קידושין בסופה.

46) סוטה יא, ריש ע"ב. שמו"ר פ"א, יא.

47) ולגירסת רש"י סוטה שם — נק' „עבודה קשה".

48) כמשנ"ת בכ"מ ע"פ דרז"ל (הובא לעיל

און דאָס זיינען די דריי נעמען — „חג המצות", „זמן חרותנו" און „חג הפסח": „מצה" ווייזט אויף ביטול, העדר ההגבהה וההתנשאות [49]; „חרותנו" ווייזט ווי דער ביטול ווערט אויפגענומען אין דער מציאות פון אַ אידן באופן, אַז עס הערט זיך אָן אין דעם דער אמת'ער ענין פון חירות כנ"ל און ער האָט אין דעם אַ געשמאַק; „פסח" איז פון לשון „דלוג" [50] — דער דילוג שלא בערך וואָס איז געווען (און געמוזט זיין) ביי אידן [51] (מצד דעם „דלוג" שלא בערך וואָס איז געקומען מלמעלה ביי (יצי"מ [52] ו)מ"ת) — די תנועה אַרויסגיין פון זייערע הגבלות און צוקומען צו דאָס וואָס איז שלא בערך העכער פון זיי.

ז. איינע פון די הוראות דערפון אין עבודת ה' פון יעדן אידן:

„ראשית העבודה ועיקרה ושרשה" איז „יראה" און קבלת עול, „עבודת עבד" [53] — אָבער די עבודה דאַרף ניט געטאָן ווערן מיט עצבות ח"ו ושבירה וויבאַלד אַז ועמך כולם צדיקים

— סיידען ער האָט אויפגעשטעלט אַ מסך מבדיל ומחיצה כו' וואָס דאַמאָלס דאַרף ער פריער צוברעכן זיי, „לשבר הקליפות כו' ע"י שבירת לבו ומרירת נפשו" [54] —

ווייל אין קדושה מצד עצמה איז ניטאָ קיין „שבירה". דאָס וואָס עס דאַרף זיין די תנועה פון מרירות „ולב נשבר ורוח נמוכה" איז „מצד הגוף ונפש הבהמית" [55], ווען זיי זיינען „שולט ח"ו על האדם" [56], וואָס דאַן איז דער „לב נשבר ומרירות הנפש" (פון „גבורות קדושות") מבטל זייער שליטה [56]; אָבער „מצד נפש האלקית" איז ניטאָ קיין „שבירה" — נאָר „שמחה" [55].

[דאָס איז אויך דער הסבר אין דעם סיפור: ביים אַלטן רבי'ן איז געווען אַ זילבערנע טאַבאַק־פושקע אָן אַ דעקל — ווייל דעם (גלאַנציקן) דעקל האָט דער אַלטער רבי גענוצט אויף צו מכוון זיין די תפלין שבראש, אַז זיי זאָלן זיין פונקט אינמיטן.

בשעת מ'האָט וועגן דעם גערעדט בפני הצמח־צדק, אויסדריקנדיק זיך אַז דער אַלטער רבי האָט אָפּגעבראָכן דעם דעקל פון דער פושקע, האָט דער צמח־צדק אויף דעם געזאָגט, אַז דעם זיידנס ענין איז ניט געווען צו ברעכן; ער האָט ניט געבראָכן — נאָר מסתמא איז דער

הערה 7) שבמ"ת נעשה ביטול ה„גזירה" דעליונים לא ירדו לתחתונים כו'.

49) לקו"ת צו ד"ה ששת ימים (הא') פ"ג. ובכ"מ.

50) פרש"י בא יב, יא. שם, יג. כדעת ר' יאשי' במכילתא שם.

51) ראה פרש"י שם (יא): ואתם עשו כל עבודותיו .. דרך דילוג וקפיצה. ראה מכתב כללי לחגה"פ תשל"ו (נדפס — בהגש"פ (קה"ת, תשל"ט) ע' תפד). ובארוכה — שיחות ומאמרים דחודש ניסן תשל"ו.

52) ראה לקמן ע' 148 וש"נ.

וגם מטעם זה הוצרך להיות ענין ה„דלוג" אצל בנ"י עוד בהיותם במצרים (כנ"ל בהערה הקודמת), כי

— נוסף לזה, שמכיון שיצי"מ היא הכנה למ"ת, לכן תיכף ביצי"מ צ"ל ההכנה (לא רק ד„מצה" ו„חירות", כ"א) גם להדילוג דמ"ת [בסגנון אחר: תיכף בתחילת החינוך על המחונך להתחיל להכין את עצמו לשלימות חינוכו, שהוא „דילוג" בערך מצבו בהווה] —

מכיון שביצי"מ גופא הי' ה„דילוג" מלמעלה, הוצרך להיות דוגמתו אצל בנ"י „זכור לשמו שקרוי פסח" (לשון רש"י הנ"ל).

53) תניא רפמ"א.

54) תניא פ"ז.

55) תניא ספל"ד.

56) תניא פל"א (לט, ב).



דעקל געווען מחובר צו דער פושקע מיט אַ חוט, און דער זיידע האָט אַרויס־גענומען דעם חוט המחבר.

ולכאורה: אפילו ווען דער אַלטער רבי וואָלט אָפּגעבראָכן דעם דעקל, איז עס דאָך געווען לשם קיום מצוה [57], ניט אַן ענין פון „שבירה" (פאַר זיך)?

נאָר דער ענין איז דעם: אין קדושה מצד עצמה איז איבערהויפּט ניטאָ קיין ענין פון „שבירה". און דערפאַר איז ביים צמח־צדק געווען ברור אַז דער אַלטער רבי האָט זיכער ניט אָפּגעבראָכן דעם דעקל].

און דעריבער, דאַרף דער ביטול וקבלת עול וואָס מאָנט זיך אַלס „ראשית העבודה" — אין דער עבודה פון נפש האלקית גופא — זיין מיט אַ געשמאַק און חיות, ווייסנדיק אַז דאָס איז דער אמת'ער „חירות" און מציאות [58] פון אַ אידן.

(משיחת אחרון של פסח תשל"ז)

57) ולהעיר משו"ע אדה"ז הל' שמירת גוף ונפש ובל תשחית סעיף טו.

58) להעיר שמציאותו של עבד הוא מציאות האדון שלכן מה שקנה עבד קנה רבו מלכתחילה (רשב"א קידושין כג, ב).